אין זנות און פֿאַרשייטקייט, נישט אין געצאַנק און
1 אין קנאה. נאָר טוט אָן דעם האַר ישוע המשיח, און
זעט, אַז אייער זאָרגן פֿאַרן קערפּער זאָל נישט
דערפֿירן צום באַפֿרידיקן די תאוות.

## קאַפּיטל פֿערצן

**ד**עם שוואַכן אין דער אמונה זאָלט איר מקרב־זיין,
נאָר נישט צו האַלטן וויכּוחים איבער צווייפֿל־
2 האַפֿטע מיינונגען. איינער גלייבט, אַז ער מעג
אַלץ עסן, דער שוואַכער אָבער עסט בלויז גרינצייג.
3 דער, וואָס עסט, זאָל נישט מבזה־זיין דעם, וואָס
עסט נישט; און דער, וואָס עסט נישט, זאָל נישט
משפּטן דעם, וואָס עסט יאָ; וואָרום ג־ט האָט אים
4 מקבל־געווען. ווער ביסטו, וואָס משפּטסט אַ פֿרעמדן
קנעכט? ער שטייט אָדער פֿאַלט פֿאַר זיין אייגענעם
האַר! ער וועט אָבער אויפֿגעשטעלט ווערן, וואָרום
5 דער האַר איז אימשטאַנד אים אויפֿצושטעלן. איינער
מאַכט אַ חילוק צווישן איין טאָג און אַן אַנדערן,
און אַן אַנדערער האַלט אַלע טעג פֿאַר גלייך; זאָל
יעדער זיין גאַנץ זיכער ביי זיך אין דער מחשבה.
6 דער, וואָס האַלט (אַ געוויסן) טאָג, האַלט ער אים
פֿאַר דעם האַר; און דער, וואָס עסט, עסט פֿאַר
דעם האַר, וואָרום ער דאַנקט דאָך ג־ט דערפֿאַר;
און דער, וואָס עסט נישט, עסט נישט פֿאַר דעם
7 האַר; און דאַנקט אויך ג־ט דערפֿאַר. וואָרום קיינער
פֿון אונז לעבט נישט פֿאַר זיך אַליין, און קיינער
8 שטאַרבט נישט פֿאַר זיך אַליין. וואָרום ווען מיר
לעבן, לעבן מיר צום האַר, און ווען מיר שטאַרבן,
שטאַרבן מיר צום האַר: דעריבער, צי מיר לעבן צי
9 מיר שטאַרבן, זענען מיר דעם האַרס. וואָרום פֿאַר